# צום פינטל

**גליון מד**

**פרשת נצבים וילך תשפ"ג**

## משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים


# פרשה

**כריתות ברית מהו**

### ◆ די מושג 'ברית'

אין די פרשה האט משה רבינו צוזאם גענומען כלל ישראל, און זיי אריינגעפירט אין א 'ברית' מיט'ן אייבירשטן, אויב וועט מען מקיים זיין תורה ומצוות, וועט דער אייבישטער זיין מיט זיי, און זיי וועלן באקומען אלע ברכות, און אויב נישט וועט דער אייבישטער אוועק גיין און זיי וועלן באקומען ח"ו אלע קללות.

מ'דארף פארשטיין וואס איז דאס דער מושג 'ברית', פארוואס הייסט עס 'ברית', און וואס איז 'כריתות ברית', 'הפרת ברית', 'הקמת ברית', 'און וואס האבן די 'קללות וברכות' א שייכות מיט ברית, פארוואס טרעפט מען זיי אלץ צוזאמען מיט 'כריתות ברית'. און בפרט אז 'כריתות ברית' איז דאך א ידידות'דיגע ענין, א 'קשר אהבה' פון צוויי ידידים, איז ווי קומט אריין די קללות, ווי קומט אריין די 'שארפע טאוין'.

דער מושג 'כריתות ברית' איז ווען צוויי מענטשן זענען זיך מחייב איינער פארן צווייטן, מ'מאכט זיך אפ "די וועסט טוהן פאר מיר, און אנטקעגען דעם וועל איך טוהן פאר דיר". 'כריתות ברית' ווערט געמאכט אין זמנים פון אהבה, מכח א פחד פונעם עתיד, מ'האט מורא אז בעתיד וועט די אהבה צושטערט ווערן, יעצט טאקע האט מען זיך ליב, אבער ווער ווייסט וואס וועט זיין בעתיד, און מ'וויל זיך פארזוכערן פון פאראויס מיט א 'כריתות ברית', אריינצוכאפן צו זיין פארזוכערט אז די האסט יענעם צו דיין זייט.

די הלכה איז אז 'כריתות ברית' איז נישט קיין 'קנין ממוני', ס'איז א 'דין שמים', יעדער נעמט אויף זיך די 'דין שמים' אויב ער וועט נישט מקיים זיין דעם ברית, ווי ביי לבן הארמי מיט יעקב 'אלקים עד ביני ובינך', דער אייבישטער אליינס איז דער 'עדות', ער איז מקיים פסק, און ער פירט אויס די עונש למעשה. פון איין זייט איז 'כריתות ברית' גערינג אז ס'איז נישט קיין 'קנין ממוני', אבער פון די אנדערע זייט איז דאס גופא זיין הארבקייט, אז ס'איז 'דין שמים', דער אייבישטער זעלבסט נעמט קער דערפון.

די סדר פון 'כריתות ברית' איז אז מ'שטעלט אוועק א 'חפצא' פאר א עדות וזכרון, און דאס דערמאנט די קיום הברית, און דאס מאנט און פארלאנגט די 'דין שמים', ווי די גמרא זאגט 'מה המאמין בחולדה ובור' (תענית), אז ס'איז נישט קיין חילוק וואס מ'שטעלט אוועק פאר א 'עדות',

> **'כריתות ברית' איז נישט קיין 'קנין ממוני', ס'איז א 'דין שמים', יעדער נעמט אויף זיך די 'דין שמים' אויב ער וועט נישט מקיים זיין דעם ברית, ווי ביי לבן הארמי מיט יעקב 'אלקים עד ביני ובינך', דער אייבישטער אליינס איז דער 'עדות'**

אפילו מ'שטעלט אוועק א 'חולדה ובור', וועלן זיי זיין די מאנערס אויף צו מקיים זיין דעם ברית, און זיי וועלן אויך זיין די באשטראפערס טאמער מ'איז חס ושלום עובר.

בית דין ש'למטה קען טאקע נישט מאנען אויף דעם, אבער דער 'ברית' אליינס מאנט, דער התחייבות וואס מ'האט ארויף געלייגט אויף א 'חפצא', אויף א 'דבר עדות', דאס גופא מאנט דער קיום הברית, די 'אות' און די 'זכרון' וואס מ'שטעלט אוועק פאר א עדות, דאס גופא מאנט אויפן 'קיום הברית', אזוי ווי די לשונות הפסוקים דארטן ביי לבן מיט יעקב אז דער 'גל' איז א עדות וואס דער אייבישטער קוקט אריין אין דעם (יצף ה' ביני ובינך'), און דאס מאנט דער 'קיום הברית' (עי' שם בלשון הפסוקים).

די סדר איז ביי 'כריתות ברית' אז מ'לייגט צו השבעות און חרמים, אבער באמת די עצם 'ברית' האט שוין אין זיך די אלע כוחות, דער 'ברית' גופא מיינט אז מ'האט אוועקגעשטעלט א 'אות וזכרון' וואס דאס זאל זיין א עדות צו מאנען אויף דער קיום הברית, צו מאנען מלמעלה עונשים אויף דער קיום הברית. און בפרט אויב מ'האט קלאר ארויס געזאגט די השבעות וחרמים (אזוי ווי ביי אברהם און אבימלך), וועט דאס זוכער מאנען און נישט נאך לאזן ביז מ'איז עס מקיים.

### ◆ הקמת ברית

די שורש פון 'ברית' איז פון די לשון 'ברירות', אז מ'שטעלט אוועק קלאר וואס מ'פאלאנגט איינער פונעם צווייטן, און דאס איז אויך די לשון 'כריתות ברית', אז ס'איז געשניטן מיט א 'ברירות' און א קלארקייט (רש"פ חשק שלמה ערך בר).

אין יידיש טייטשט מען 'ברית', 'א באנד', א קשר און א צוזאמבונד פון צוויי, צוויי מענטשן, צוויי קהילות, אדער צוויי מדינות וואס ווערן מקושר און פארבינדן.

אין 'הלכות קושר' טרעפט מען א 'קשר של קיימא' און א 'קשר שאינו של קיימא', און די לומדים זענען מסביר אז 'מלאכת קושר' איז אנדערשט ווי 'מלאכת תופר', 'מלאכת תופר' מאכט פון צוויי שטיקלך סחורה איינס ממש, אבער 'מלאכת קושר' בינדט נאר צוזאם, די צוויי בלייבן ווייטער צוויי נפרדים נאר זיי ווערן צוזאמגעבינדן, אדער מיט א 'קשר שאינו של קיימא', אדער מיט א 'קשר של קיימא'.

און דאס מיינט 'הקמת ברית', א באשטאנד וואס טוט צוזאם האלטן און צוזאם בינדן 'נפרדים', ס'איז טאקע נישט קיין קנין ממוני, ס'איז נישט קיין התחייבות ממוני, אבער ס'איז יא א 'קשר של קיימא' וואס בינדט צוזאם 'נפרדים', דאס קען מען יא מאכן, מ'קען בינדן און אנקניפן א באנד פון א 'קשר של קיימא', 'והקמותי את בריתי', 'ואת בריתי אקים', א באנד וואס איז א 'קיום' און א 'קשר של קיימא'. ס'איז נישט געווארן ממש איינס, אבער נאך אלץ איז דאס א 'קשר של קיימא' וואס מ'טאר נישט צוברעכן. (און דאס איז די לשון 'הפרת ברית', פארקערט ווי הקמה, ענדליך צו די לשונות ביי נדרים, הקמה און הפרה, והבן).

און אזוי זעהט מען אויך ביי 'כריתות ברית' פון מדינות איינער מיט דער אנדערער, ווי

**המשך בעמוד הבא**

יעדער מדינה איז בעצם א מציאות אינגאנצן פאר זיך, יעדער טראכט ווי קען איך דא עפעס פארדינען פונעם צווייטן, אבער מיט דעם אלעם פארשטייט יעדער לאנד פאר א 'דבר פשוט' אז מ'דארף זיך האלטן צו א 'כריתות ברית', מ'דארף זיך האלטן צו וואס מ'האט אפגעמאכט, און די וועלט איז זייער מגנה א לאנד וואס האלט זיך נישט צו א 'באנד' וואס ער האט אפגעמאכט. איז זעהט מען אז די כח פון 'קשר ברית' איז צו צוזאם האלטן אפילו נפרדים, דורעך א 'קשר של קיימא'.

און דורעך די 'קשר של קיימא' ווערן זיי עטוואס ווי איינס, ווי מ'זעהט די לשונות הפסוקים ביי דוד און יהונתן (שמואל א יח ג) 'ויכרות יהונתן ודוד ברית באהבתו אותו כנפשו', ער האט אים ליב געהאט ווי זיך אליינס און ער האט געשלאסן מיט אים א באנד.

בדרך הטבע איז יעדער פארנומען מיט זיך, א מענטש האט נישט די כוחות זיך צו זארגען פאר א צווייטן, ער איז מורא'דיגע פארנומען צו טראכטן און זיך זארגען פאר זיך אליינס, אבער דורעך 'כריתות ברית' באקומט מען די כח צו טראכטן פארן צווייטן, ווייל מ'איז רואיג אז יענער איז דא פאר מיר, ער האט זיך מחייב געווען פאר מיר, ממילא האב איך די כח אויך צו טוהן פאר דיר. וואס דאס מיינט אז די צוויי ווערן איינס, אנשטאט איך זאל טראכטן פון מיר, און די זאלסט טראכטן פון דיר, טוישט מען זיך אויף, איך טראכט פון דיר, און די טראכסט פון מיר, וואס דאס מאכט זיי ממש ווי איינס.

## אות הברית, זכרון הברית, עדות הברית, ספר הברית

ביי 'כריתות ברית' מאכט מען א 'אות', א צייכן וואס זאל דערמאנען דעם 'ברית', 'ברית מילה' איז א 'אות הברית' פון דער אייבישטער מיט אברהם אבינו, א צייכן וואס דערמאנט דעם 'ברית', אויך ביי נח טרעפט מען אז דער קשת' איז אן 'אות ברית'. אויך טרעפט מען אסאך די ענין פון 'זכירה' ביי 'ברית', אזוי ווי מ'זאגט ביים דאוונען 'זוכר הברית', אויך אויף א 'קשת' מאכט מען די ברכה 'זוכר הברית'. און באמת די צוויי גייען צוזאמען, די 'אות הברית' איז עפעס וואס דערמאנט דעם ברית, די 'אות הברית' איז לצורך די 'זכרון הברית'.

אויך איז דא אסאך די ענין פון 'עדות הברית', ווי ס'שטייט אין די פסוקים ביי 'לבן הארמי' מיט 'יעקב אבינו'. אויך די לוחות אין די תורה הקדושה ווערט אנגערופן 'עדות הברית', 'לוחות העדות' און 'לוחות הברית', די תורה הקדושה איז א עדות אויף די ברית פון מתן תורה, די עשרת הדברות און די תורה הקדושה זענען אראפ געשריבן וואס דאס איז א 'עדות' וואס מאנט די קיום הברית, וואס מאנט די קיום התורה. און מ'זעהט דאס אסאך מאל אז די אראפ שרייבן די 'ברית' בכתב אין א ספר איז א חלק פונעם 'ברית', און דאס ווערט אנגערופן 'ספר הברית'.

און בעומק איז דאס אלעס איינס, די 'אות הברית' די 'זכרון הברית' און די 'עדות הברית', אלעס מיינט אז מ'שטעלט אוועק א 'חפצא', א חפצא וואס איז מתקיים, און דאס ווערט דער 'אות' און דער 'זכרון', און דאס גופא איז אויך דער 'עדות', מעיד צו זיין און צו מאנען 'עונשים' אויב מ'איז נישט מקיים דעם ברית. וואס דאס איז אלעמאל דער דזשאב פון 'עדות', זייער ארבעט איז צו ברענגען די קעיס צו עולם המעשה, און דאס טוט דער ברית גופא, ער אליינס איז די 'עדות' מברר צו זיין און מעניש צו זיין אויף עזיבת הברית.

די וועלט זאגט אז א 'ברית' מאכט מען אין די גוטע צייטן, כדי זיך צו צוגרייטן אויף די שווערע צייטן, למשל צוויי מדינות וואס לעבן זיך גוט, אבער מ'ווייסט דאך נישט וואס גייט מארגען זיין, אפשר מארגען וועט יענער ווערן מיין שונא, פארדעם מאכט מען א 'קשר ברית' לנצח, א קשר וואס צווינגטביידע זייטן מיט צו גיין מיט דעם, נישט קיין חילוק אין וועלכע צייטן און זמנים. און דאס איז פשט אז מ'מאכט א 'אות ברית', א צייכן וואס זאל דערמאנען אז אפילו די אהבה איז נישט ווי ס'באדארף צו זיין, אבער מ'האט דאך 'כורת ברית' געווען, און דאס קען מען נישט צוברעכן. יעדער איז דאך א נפרד פאר זיך, יעדער האט זיין וועלט מיט זיינע אינטערסן, איז דוקא אין די גוטע צייטן די זמן זיך צו פארזוכערן צו 'בענעפיטירן' פון די אהבה ושלום אויך אויף שפעטער, אפילו אויב די אהבה ושלום וועט ווערן אויס, און וועגן שטעלט מען אוועק א 'ברית' וואס האט א קיום אויף לנצח.

און דאס איז די ענין פון א 'אות ברית', אז יעדער זאל ארויסנעמען כסדר זיין 'אות' און זיך דערמאנען, 'זכור מאחר שאתה בא להשכיחו', א ברית איז א זאך וואס מ'דארף זיך כסדר דערמאנען פון פריש, בעצם איז יעדער געבליבן נפרד פאר זיך, און נאר דער 'ברית' איז וואס האט די כח זיי צוזאמצוהאלטן. און דאס איז וואס מ'זאגט ביים דאוונען 'זוכר הברית' אז דער אייבישטער געדענקט די ברית מיט די אבות, אפילו מ'איז שוין אזוי נתרחק געווארן פון דעם, מ'האלט שוין טויזענטע יארן שפעטער, אבער הא גופא איז די כח פון א 'ברית' צו געדענקן אפילו ווען ס'איז נפרד.

ס'איז ידוע די סוגיא פון 'תמה זכות אבות', איז לכאורה אויב 'תמה זכות אבות' פארוואס בעט מען נאך אלץ בזכותם, נאר פשט איז אז מ'בעט מכח די 'ברית' מיט די אבות, וואס די ברית איז א זאך וואס איז נישט שייך ס'זאל זיך ענדיגען, 'קשר בלייבט קשר', אז מ'איז צוגעבינדען געווארן מיט א 'קשר של קיימא', קען מען עס נישט עפענען, ס'האט א קיום אויף לנצח, א קשר בלייבט א קשר.

און דאס איז וואס מ'זעהט כמה פעמים אין תנ"ך אז מ'האט פון פריש אויפגעפרישט די ברית, משה רבינו האט אויפגעפרישט די ברית אין ערבות מואב, נאכדעם ביי יהושע, שפעטער טרעפט מען ביי יאשיהו המלך און נאך וואס זיי האבן צוזאמגענומען די יידן און אויפגעפרישט די 'ברית' פון פריש. ווייל א 'ברית' איז צווישן צוויי נפרדים, דארף מען דאס כסדר דערמאנען און אויף פרישן.

און דאס איז אויך די מצוה פון 'הקהל' אין פרשת וילך, וואס דאס פסוקים זענען בהמשך צו די ברית פון פרשת נצבים, די פסוק פארציילט אז משה רבינו האט געשריבן ספרי תורות און ער האט זיי געגעבן פאר די כהנים בני לוי וואס טראגען דעם 'ארון הברית', און ער האט באפולן אז אז יעדער 'מוצאי שמיטה' זאל מען לייגען אין דעם ספר פאר אלע יידן. און מ'לייגט דוקא אין ספר דברים וואס דאס איז דער 'ספר הברית', און די טעם איז אז יידען זאלן זיך דערמאנען די ענין פונעם 'ברית' וואס מ'דארף כסדר חזר'ן נישט צו פארגעסן.

## ברית נקודת התורה

און באמת איז די נקודה פון 'ברית', די נקודה פון גאנץ 'ספר דברים', אין פרשת ואתחנן פאנגט מען אהן מיט 'מתן תורה' וואס דאס איז די 'לוחות הברית', ווי משה רבינו זאגט דארטן 'ויגד לכם את בריתו את עשרת הדברים'. און נאכדעם קומט די 'ברכות' אין פרשת עקב, און נאכדעם די 'קללות און ברכות' אין פרשת ראה, און נאכדעם אין די ווייטערדיגע סדרות ווי משה רבינו ווארפט כסדר אריין אז טאמער וועט מען מקיים זיין די מצוות וועט זיין גוט, און טאמער ח"ו נישט איז נישט, און די שפיץ איז ביי די 'תוכחה' אין פרשת 'כי תבוא'.

און נאכדעם קומט מען צו פרשת נצבים וואס מ'איז עוסק דיירעקט אינעם 'ברית', און נאכדעם וילך וואס משה איז פארנומען מיט די ספר תורה וואס זאל ליגען אינעם 'ארון הברית', וואס די ספרי תורות זענען די 'ספר הברית, און נאכדעם קומט 'שירת האזינו' וואס דאס איז די שירה אויף די ברית. און באמת אין 'ספר דברים' ווארפט משה רבינו כסדר אריין די איינע נקודה אז טאמער וועט מען מקיים זיין די מצוות וועט זיין גוט, און טאמער חס ושלום נישט וועט זיין

המשך בעמוד האחרון

### • הכבשים בראש השנה

ראש השנה פארנעמט דער 'כבש' א שיינע פלאץ, די 'שופרות' ראש השנה קומען פון א 'איל', וואס דאס איז א 'כבש' אין די צווייטע יאר. אויך פירן זיך אסאך יידען צו עסן ראש השנה א 'ראש כבש', לזכר צו די 'איל' פון די עקידה ווי ס'איז מבואר אין גמרא און פוסקים (און טאמער האט מען נישט קיין 'ראש כבש', נעמט מען די 'ראש' פון א אנדערע 'בעל חי' און מ'זאגט שנהיה לראש ולא לזנב', ווי ס'איז מבואר אין גמרא און פוסקים).

אויך האט ראש השנה א שייכות מיטן 'כבש' ביי דער פיוט 'כבקרת רועה עדרו', ווי די גמרא זאגט (ראש השנה דף יח ע"ב) 'בראש השנה כל באי עולם עוברין לפניו כבני מרון' (כבני אמרנא, צאן). אויך אין אסאך פיוטים ווערט דערמאנט די שבח פון כלל ישראל וואס ווערן אנגערופן 'צאן קדשים', ווי למשל ביי דער 'פיוט' 'אנו צאנך ואתה רוענו' וואס מ'זאגט יום כיפור, און ביי די פיוט פון 'אחות קטנה' זאגט מען 'רעה את צאנך אריות זרו', און אזוי אין נאך כמה פיוטים וואס די כבשים פארנעמען א שיינע פלאץ..איז לאמיר זעהן אביסל די וועלט פון די 'כבשים'.

די משנה אין סוף מסכת קנים זאגט אז דער כבש ווען ער לעבט האט ער איין קול, און ווען מ'שחט אים האט ער זיבן קולות, זיינע 'צוויי הערנער' ווערן 'צוויי חצוצרות', זיינע 'צוויי פיס' ווערן 'טראמפייטערס', פון זיין הויט מאכט מען א פויק, פון זיינע 'מעיים' מאכט מען פידלעך (לנבלים), און פון זיינע בני מעיים א אנדערע סארט פידעל (כנורות). די ספרים הקדושים (דעת שלום פרק שירה שירת בהמה דקה טהורה ב') אז דאס איז מרמז אז די כח פונעם כבש איז בדיבור נישט במעשה. זיי האבן די כח בדיבור צו שרייען און 'מעקן' צום רועה, און דער רועה איז דער וואס טוט פאר זיי למעשה, זיי אליינס האבן נישט די כח אין עולם המעשה.

און דאס איז די כח פון יידישע קינדער'לעך, צו שרייען וויינען און מעקן צום אייבירשטן, אז דער אייבישטער וואס ער איז דער 'רועה ישראל', ער זאל רחמנות האבן אויף אונז און טון פאר אונז למעשה, אונז האבן נישט אזוי די כוחות אין עולם המעשה, אונזער כח איז בדיבור, אונזער כח איז צו שרייען צו אים, און טון למעשה דארף ער כביכול, אזוי ווי דער פאסטאך וואס טוט פאר זיינע שעף.

### דער שטאט'ס רחמנות

דער 'כבש' ווערט אלץ באטראכט ווי דער 'רחמנות' פון שטאט, ער דרייט זיך ארום לאנגווייליג, א גאנצע טאג שפאצירט ער ארום, עסט גראז און 'מעקעט' אוועק, ערך קען נישט קעמפען און זיך אהן נעמען פאר זיך, ווי די פסוק זאגט 'נחשבנו כצאן טבחה', 'אונז זעמיר ווי א סטאדע שאף וואס גייט צו דער שחיטה ווי מעקלעך'. וואס דאס אלעס צוזאמען געט פארן שעפלע א אויסקוק ווי דער 'רחמנות' פון שטאט.

באמת אבער איז אדרבא, די 'רחמנות' דאס איז זיין כח, ס'איז א שווערע זאך צו קענען זיין דער 'רחמנות', ס'איז שווער ארויסצוברענגען די 'רחמנות' פון די ארומיגע אויף דיר. ס'איז אבער דא אנדערע מענטשן וואס זיי האבן יא די כוחות זיך ארויסצוברענגען אלץ דער 'רחמנות', און דאס ברענגט זיי אריין שווערע געלטער ביים גיין נאך געלט, וואס דאס שרייט ארויס אז יא!!! זיין א גוטע 'רחמנות' איז אויך א כח.

איז דאס איז דער באהאלטענער כח פונעם 'כבש', ער האט די כח פון זיין דער 'רחמנות' בה"א הידוע, נישט א 'רחמנות' וואס יעדער קוקט אראפ, נאר א אמת'ע 'רחמנות', א 'רחמנות' וואס איז באמת מעורר די 'רחמנות' פון די ארומיגע, וואס איז באמת מעורר די 'רחמנות' פונעם 'רועה'. וואס דאס ברענגט א מורא'דיגע אהבה פונעם רועה צו די שעפלעך, וואס דאס קומט פון דער שטארקע 'רחמנות' וואס די שעפלעך האבן מעורר געווען, און דורעך דעם געבט ער זאך אפ מיט די שעפלעך מיט א מורא'דיגע געטריישאפט.

און דאס זענען יידישע קינדערלעך, 'צאן קדשים', זיי זענען מעורר די רחמנות פונעם אייבירשטען, זיי ווייסן ווי אזוי מעורר צו זיין רחמי שמים, 'יהמו נא רחמיך ה' אלוקינו', זיי ווייסן ווי אזוי צו זיין דער 'רחמנות' פונעם שטאט אויף גוטע זאכן. און אט דאס איז זייער עבודה אין די דאזיגע טעג, די טעג פון ימי הרחמים והרצון, מעורר צו זיין די רחמי שמים, מעורר צו זיין דעם פאסטאך'ס רחמנות, דערמאנען אז אונז זעמיר זיינע 'צאן קדשים', און ער זאל ווערן נתעורר זיין מיט 'רחמנות' אויף אונז, אזוי ווי דער פאסטאך אויף זיינע שעפלעך.

**די ווערטער זענען פיל מיט ווארימקייט און רחמנות, אזוי ווי א פאסטאך וואס נעמט קער פון זיינע שעף, ער געט זיי צו עסן, ער רייניגט זיי און שערט זיי, ער מאכט זוכער אז זיי זענען אפגעהוטן פון מחלות, כאטשיג ס'איז נישט אלעמאל אזוי בעטעמ'ט פאר די שעפלעך, אבער דאך פארשטייט יעדער אז דאס איז פאר זייער טובה וועגן**

### עשירות פון די שעפעלעך

די עיקר זאך פון די שעפעלעך איז די וואל, אמאליגע צייטן איז די עיקר 'בגדים' געווען פון 'צמר', ווי מ'זעהט אויך אין די תורה אז 'צמר ופשתים' זענען די עיקר 'בגדים' (ווי ס'איז מבואר אין הלכות ציצית). און ווי די 'יודעי דבר' זאגען איז 'וואל אינדיסטרי' איז אלעמאל געווען גאר א גוטע 'אינדעסרי' (אויך מער א ריינערע און בכבוד'דיגע זאך מער ווי אנדערע אינדיסטרי), די אינוועסטמינט איז נישט אזוי סאך, איין פאסטאך פאר הונדערט שעפלעך און מער, און די 'הכנסות' זענען שיינע, ממילא איז דאס געווען א גוטע ביזנעס.

שטייט אין חז"ל אז די שעפלעך הייסן 'עשתרות', ווייל זיי מאכן רייך דעם 'בעל הבית' (מובא ברש"י פרשת עקב ז יג), און אין תנ"ך ווערט געברענגט כמה פעמים די 'עבודה זרה' 'עשתרות', וואס דאס איז געווען דער 'עבודה זרה' פון די 'כבשים', וואס ווייל זיי האבן געברענגט א רייכקייט, האבן די 'עמים קדמונים' געמאכט פון דעם א גאנצע 'עבודה זרה'. אויך טרעפט מען אין גמרא די מושג 'צאן ברזל', וואס דאס איז געווען א גוטע אינוועסמענט מיט די שעף. סך הכל די שעף אינדיסטרי איז געווען גאר א גוטע ביזנעס.

אויך היינטיגע צייטן אפילו מ'דארף נישט אזוי שטארק צוקומען צו 'צמר', נאכאלץ איז די וואל א גוטע ביזנעס, ווייל זיי האדווען זיך לייכט, איין פאסטאך פאר הונדערטע שעף, און ס'געט ארויס גרויסע קוואנטומס פון וואל, און אויך די מלאכת האריגה איז היינט אסאך גרינגער, ממילא איז דאס נאך אויך היינטיגע צייטן גאר א גוטע ביזנעס, וואס מ'קען מאכן שיינע 'ריטארנס'.

אין די יעצטיגע טעג ווען מ'זוכט מליצי יושר, קען מען זיך ערלויבן מרמז צו זיין, אז כביכול דער אייבישטער האט אויסגעקליבן 'כלל ישראל' פאר זיין פאלק, כביכול ער האט זיך אויסגעקליבן א גוטע

המשך בעמוד הבא

# ענינים

המשך

ביזנעס, די יידן זענען גוטע פאלגעדיגע שעפלעך, שעפלעך וואס זענען שטארק מקושר מיט זייער פאסטאך, 'אנו צאנך ואתה רועינו'. כביכול דער אייבישטער דארף נישט קיין סאך כוחות אינוועסטירן אין אונז, אונז פאלגען מיר מיט א תמימות די מצות התורה, ווי די שעפלעך פאלגען מיט א תמימות. און פון די אנדערע זייט כביכול דער אייבירשטער מאכט צוריק א גוטע 'ריטארן', ער פארדינט פון אונז אסאך 'כבוד שמים' כביכול כביכול.

## כבקרת רועה עדרו

ווען מ'זאגט די ווערטער 'כבקרת רועה עדרו' כאפט יעדעם א ציטער, מ'דערהערט ווי קיינער קען זיך נישט ארויסדרייען, קיינער ווערט נישט פארוישט ביים ציילן, יעדער ווערט פונקטליך אפגעמאסטן און געוואויגען, יעדער באקומט זיין באשטומטע קצבה, דער אייבישטער ציילט און רעכנט, און יעדער באקומט לויט זיין 'פסק דין', אלעס איז געשניטן מיט א מורא'דיגע פונקטליכקייט.

אבער פון די אנדערע זייט פילט יעדער אז די ווערטער זענען פיל מיט ווארימקייט און רחמנות, אזוי ווי א פאסטאך וואס נעמט קער פון זיינע שעף, ער געט זיי צו עסן, ער רייניגט זיי און שערט זיי, ער מאכט זוכער אז זיי זענען אפגעהוטן פון מחלות, כאטשיג ס'איז נישט אלעמאל אזוי בעטעמ'ט פאר די שעפלעך, אבער דאך פארשטייט יעדער אז דאס איז פאר זייער טובה וועגן. אזוי אויך פילען אונז אין דעם אייבירשטנס הענט, ס'איז טאקע נישט אלעמאל אזוי באקוועם, אבער אלעס איז פאר אונזער טובה וועגן, אונז זעמיר אין גוטע הענט.

אזוי ווי ווען מ'גייט צום דאקטער אדער צום דענטיסט, ס'איז נישט אלעמאל אזוי בעטעמ'ט, אבער יעדער פארשטייט אז דאס איז פאר זיין אייגענע טובה. אזוי איז מיט די שעפלעך, און אזוי איז עס מיט כלל ישראל אין דעם אייבירשטענס הענט, דער פאסטך איז זייער שטארק מושל אויף די שוואכע שעפעלעך, אבער די שעפעלעך פילן אז זיי זענען אין גוטע הענט, און אויך כלל ישראל פילט אז זיי זענען אין גוטע הענט, מ'פילט ווי אלעס וואס גייט אריבער אויף אונז איז מכח רחמנותו הגדולה, ווי שעפעלעך אין די רחמנות'דיגע הענט פונעם פאסטאך.

ווען דער 'רועה' זוכט אונטער צו ס'פעלט נישט איינער פון די שעפלעך, ער ציילט זיי איינס ביי איינס, די שעפלעך האבן נישט קיין געדולט, זיי ווילן שוין אהיימגיין עסן און שלאפן, אבער ניין!!! ס'איז פאר זייער טובה וועגן, ס'איז פאר זייער טובה אז דער בעל הבית זאל אונטער זוכן צו ס'פעלט נישט איינער, צו איינער איז נישט געבליבן אונטער שטעליג, איז אפילו די הרגשים זאגען אז דאס איז נישט קיין 'רחמנות', אבער באמת איז דאס די גרעסטע רחמנות.

# פרשה

המשך

שלעכט, און כמעט יעדע עטליכע פסוקים חזר'ט זיך די נקודה, וואס דאס איז די יסוד פון 'כריתות ברית', און וועגן דעם איז 'ספר דברים' די 'ספר הברית'.

אויך די תוכחה אין פרשת בחקותי איז ווי א אויספיר און א סך הכל פון מתן תורה, אין 'פרשת יתרו' פאנגט זיך אהן די ברית פון 'מתן תורה', ווי די פסוקים זענען מאריך אין פרשת משפטים וועגן דעם 'ברית', דערנעך גייט די תורה הקדושה אריין אין פארשידענע מצוות און במיוחד אין מלאכת המשכן, וואס דאס ציעט זיך אריין אין ספר 'ויקרא' מיט די הלכות פון די קרבנות, און מ'ענדיגט מיט די 'תוכחה' פון 'פרשת בחקותי', ווי א 'סך הכל' אויף פון מתן תורה, א סך הכל פון די 'כריתות ברית', אז טאמער וועט מען היטן די תורה, וועט זיין אלעס גוט, און טאמער נישט וועט זיין ח"ו שלעכט.

און דאס שטארק מקושר מיט 'ראש השנה', ווייל ראש השנה הייסט 'יום הזכרון', דער טאג וואס איז אוועקגעשטעלט צו דערמאנען דעם 'ברית', אזוי ווי מ'זאגט ביים דאווענען 'זוכר הברית'. און אין ספר נחמיה (פרק ח) איז דא די פרשה פון די נשים נכרית, ווי עזרא הסופר האט זיי מעורר געווען צו תשובה, וואס דאס איז געווען אין יום טוב ראש השנה, און ער האט זיי אריינגעברענגט פון פריש אינעם 'ברית', די די יידען האבן געמאכט א 'ברית אמנה' מיטן אייבירשטן, זיי האבן מחדש געווען דעם ברית מיט תשובה, ווי די פסוק זאגט (נחמיה י א) "וּבְכָל זֹאת אֲנַחְנוּ כֹּרְתִים אֲמָנָה וְכֹתְבִים", און די מפרשים זענען מסביר אז א 'ברית אמנה' מיינט א התחדשות אינעם 'ברית' מיט א טראסט פוןביידע זייטן, יעדער טראסט אז דער צווייטער וועט זיין געטריי.

און דאס איז אויך די ענין פון 'תשובה' ראש השנה, ווייל ראש השנה איז מען זיך מתחדש אינעם 'ברית', ווי מ'זעהט אסאך מאל אין תנ"ך אז די התחזקות אינעם 'ברית' איז א ענין פון 'תשובה', אזוי ווי די 'כריתות ברית' אין ערבית מואב, וואס איז געווען נאך די חטא פון פעור, און די 'כריתות ברית' פון אליהו בהר הכרמל נאכן דינען עבודה זרה. און דאס איז ראש השנה וואס יידן נעמען זיך צוזאם מיט תשובה זיך צו מתחדש מיט א 'כריתות ברית' מיטן אייבירשטן.

**בפרוש שנת תשפ"ד**

**שלוחה בזאת ברכת השנים אל כל לומדי ומעייני גליון "צום פינטל" ולומדי השיעורים של "מכון מישרים" בתוך כל בית ישראל בכל מקומות מושבותיהם, לשנה טובה ומתוקה, מבורכת בכל מילי דמיטב, נכתב ונחתם לאלתר לחיים טובים ולשלום, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, ומתוך רוב שמחה.**


**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. 972-52-763-3424+